

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בא
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"ג

## פראגע

### וויפיל מאל זאל א מענטש איבער'חזר'ן א מסכת בעפאר'ן גיין ווייטער צום קומענדיגן מסכת?

## ענטפער:

דאס איז זייער א וויכטיגע שאלה! רבותי, איך וויל אייך עפעס זאגן. איינס פון די מערסט-טראגישע טעותים איז "הלומד ואינו חוזר" – לערנען און נישט איבער'חזר'ן. אזא שאד! אסאך מענטשן געבן אוועק זייער לעבן צו לערנען, און צום סוף בלייבט כמעט גארנישט מיט זיי.

עס איז זייער וויכטיג איבערצו'חזר'ן! און איך וויל אייך עס טאקע יעצט זאגן. איך האלט א מענטש זאל מאכן זיין ציל איבערצו'חזר'ן די מסכת נישט נאר פיר מאל – פיר מאל זאל ער עס זיכער טון! ס'איז נישט קיין שום שאלה. ער זאל עס איבער'חזר'ן, ארויסזאגן הויעך די ווערטער; נישט גענוי די ווערטער פון די גמרא; נאר ער זאל ערקלערן די סוגיא הויעך מיט זיינע **אייגענע ווערטער**. שמועס עס איבער. הויעך. הויעך. די גאנצע זאך זאל מען איבערשמועסן מיט זיינע אייגענע ווערטער. רעד עס אויס איינמאל און נאכאמאל.

אסאך מאל וועסטו אנטדעקן אז דו האסט זיך גענארט דיין גאנצע לעבן. האסט באמת קיינמאל נישט פארשטאנען פשט. ווען מען הייבט עס אן ארויסזאגן הויעך, הייבט מען אן צו כאפן ווי נישט ריכטיג מען האט עס ארויסגעהאט ביז יעצט.

עס איז אזא טראגעדיע ווען מ'בלייבט מיט גארנישט. מען דארף חזר'ן ביז ס'איז "כמאן דמונח בקופסא" – ווי מען האט עס אין טאש. אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו – ווי גליקליך איז דער מענטש וואס קומט אהער און ברענגט מיט זיין לערנען.

וועגן דעם זאג איך אז ס'איז בעסער צו לערנען איין בלאט גמרא גוט, ווי איידער פופציג בלאט און בלייבן מיט גארנישט. און דערפאר איז חזרה די סאמע וויכטיגסטע זאך. און חזרה מיינט איבערזאגן די גמרא הויעך. יעדעסווארט. נישט די ווערטער פון די **גמרא**. נאר יעדע ווארט פון די **סברה**; די גאנצע שקלא וטריא הויעך, הויעך, הויעך. כסדר זאג איבער די ווערטער צו זיך אליינס. ווי מער דו טוסט עס, אלס קלוגער ביזטו. (#E-259)

## פראגע

### וואס האלט איר איבער דער ערוויילונג פון קארטער צו זיין אונזער קומענדיגער פרעזידענט?

## ענטפער:

איך האב נישט דאס מינדערסטע ידיעה וועגן קארטער. אבער איך האף אז דער אויבערשטער וועט אים געבן ברכה און הצלחה. יעצט אז ער איז געווארן ערוועלט, איז א מצוה צו דאווענען פאר קארטער. ס'איז א מצוה.

מען דארף מתפלל זיין **בשלומה של מלכות**; יעדער איד דארף בעטן פאר די תועלת פון די רעגירונג. יעצט אז ער איז געווארן ערוועלט דאווענען מיר אז ער זאל זיין געזונט; ער זאל נישט כאפן קיין פארקילעכטס. ער זאל נישט געשטערט ווערן פון די ליבעראלן. ער זאל נישט האבן קיין שום מלחמות אין זיין צייט. און "בימיו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח" (ירמיה כ"ג, ו) – אין זיין צייט זאל כלל ישראל זיין גליקליך און ערפאלגרייך און משיח זאל קומען. דאס איז די בעסטע וואס איך קען אייך זאגן.

דאס איז אונזער חיוב, צו בעטן פאר קארטער. יעדער איד דארף בעטן פאר קארטער. און מען דארף אגב אויך בעטן פאר פאָרד, ווייל ער איז נאך פרעזידענט ביז קומענדיגן יאנואר. ווילאנג זיין טערמין ענדיגט זיך דארפן מיר בעטן פאר אים אויך.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

א איד דארף מתפלל זיין פאר די מלכות. עס איז זייער וויכטיג. ס'איז א משנה אין מס' אבות (ג, ב); פשוט און פראסט, מיר דארפן בעטן פאר די רעגירונג. און אפילו איר האט עס נישט געטון ביז היינט, איז א גוטע צייט אנצוהייבן. פון יעצט אן טראכט דערפון פון מאל צו מאל, און זאג עס. אפילו ווען מען גייט אויפ'ן גאס, זאג א קליינע תפלה פאר'ן פרעזידענט און פאר'ן וויצע פרעזידענט, און שעם דיך נישט. זארג זיך נישט אז איינער קען דיר אויסלאכן – קיינער דארף נישט וויסן דערוועגן. אבער דו טו דיין פליכט אלס א חרד'ישער איד.

מען דארף בעטן פאר די רעגירונג! נישט ווייל מען וויל ווייזן פאר זיי אז מיר בעטן פאר זיי. די בלאפערס קומען זיך צאם און פלאטערן מיט פענער, און זיי מאכן אן אפיציעלן געבעט-צערעמאניע – דאס מיינט גארנישט. זיי בעטן נישט פאר די רעגירונג, זיי ווילן סתם מ'זאל זיי זען. בעט פאר די ממשלה שטילערהייט צווישן דיר און השי"ת. און זאלסט עס אמת'דיג מיינען. האב אינזין אז קארטער זאל זיין געזונט און ער זאל נישט האבן קיין פראבלעמען. ער זאל האבן שלום אין זיין היים און אין די רעגירונג. קאנגרעס זאל קאאפערירן מיט אים. עס איז נישט קיין ספק אז אויב וועט זיין א רואיגע רעגירונג, וועט קארטער פרובירן זיך צו מאכן א גוט נאמען. קיין שום שאלה דערוועגן. יעדער פרעזידענט וואלט געוואלט מאכן א רעגירונג וואס וועט אריינגיין אין די היסטאריע אלס א סוקסעספולע הערשאפט.

און דעריבער געבן מיר אונזערע בעסטע וואונטשן צום אריינקומענדער פרעזידענט-עלעקט קארטער, און הקב"ה זאל העלפן אים און אונז. (#144)

## פראגע

## וואלט דער רב גע'עצה'ט צו קויפן א לאטערי טיקעט?

**ענטפער:**

לעצטע וואך האט מיר איינער געפרעגט די שאלה. אויב איר ווילט קויפן א לאטערי טיקעט, זאלט איר עס טון נאר איין מאל. און איר זאלט עס טון אזוי: קודם דארפט איר בעטן אסאך תפילות. בעפאר איר קויפט דעם טיקעט דאווענט צום באשעפער. אסאך תפילות – **אפאר חדשים** פון מתפלל זיין. און נאכ'ן איינמאל עס קויפן, פארגעס דערפון. איינמאל איז גענוג. (#E-214)

## פראגע

## קען דער רב ביטע ערקלערן דעם מושג פון "בטחון" אין איין זאץ?

**ענטפער:**

בטחון מיינט צו וויסן אז דער אויבערשטער ווייסט וואס איז די בעסטע פאר אונז. דאס אלעס. (E-216 #)

## פראגע

## וואס זאל זיין אונזער רעאקציע צו דעם וואס דער פויפסט איז געגאנגען באזוכן מדינת ישראל?

**ענטפער:**

וואס אונזער רעאקציע זאל זיין?...

מצא מין את מינו.

איינער האט נאך עפעס צו פרעגן? (E-220 #)

## פראגע

## וואס קען א מענטש טון בייצוקומען די מדה פון גאוה?

**ענטפער:**

אויב איז מען חתונה געהאט דארפסטו פשוט צוהערן צו דיין ווייב... זי וועט דיר זאגן ווער דו ביזט. אויב נישט דאן "עשה לך רב" – מען דארף האבן א רבי. עס איז נישט גרינג, אבער טרעף א רב און זאג אים "איך בין א בעל גאוה", און ער וועט שוין קער נעמען פון דיר. (#E-212)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל





בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב